# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:11
מוצאי שב"ק.......................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-א כ"ו-כ"ז
בבלי.........................פסחים י"ד
ירושלמי..............מועד קטן ב'
תוספתא.......................מכות ב'
רמב"ם............שביתת עשור ג'


פרשת וישלח, י"ט כסלו, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 11 (476)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר אִם יָבוֹא עֵשָׂו אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט צֶעטֵיילְט זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף צְוֵויי מַחֲנוֹת, זָאגֶנְדִיג אַז אוֹיב עֵשָׂו וֶועט מַצְלִיחַ זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אֵיין מַחֲנֶה, זָאל כָאטְשׁ דִי אַנְדֶערֶע מַחֲנֶה וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן, וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט וִוי אַזוֹי גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן עֵשָׂו הָרָשָׁע, דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר אַלֶע דוֹרוֹת, פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל נָאר צֶעבְּרֶעכְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צְוֵויי הֵיילִיגֶע מַחֲנוֹת וָואס בַּאשִׁיצְן אִים פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דָאס אִיז תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כ"א.) "תּוֹרָה מַגְנָא מַצְּלָא", דִי תּוֹרָה בַּאשִׁיצְט אוּן רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט): "אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין עֲבֵירוֹת, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין מַמָּשׁ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְּלָן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס קֶען זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן. אוֹיב וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייטְן, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז גָאר גְרוֹיס".

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא נָאךְ אַ הֵיילִיגֶע מַחֲנֶה וָואס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, דָאס אִיז תְּפִלָּה. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בּוֹיעט עֶר מִיט דֶעם אוֹיף בַּאשִׁיצוּנְג וֶוענְט אַרוּם זַיין מֹחַ, אַז דִי פֵּיינְטְלִיכֶע גְרוּפֶּעס זָאלְן דָארְט נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְדְרִינְגֶען. וִוי לַאנְג אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח') דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ד:), "מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הֲוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", וִוי גְרוֹיס אִיז גֶעוֶועזְן דִי מַחֲנֶה פוּן דִי אִידְן אִין מִדְבָּר? דְרֵיי פַּרְסָאוֹת. טַייטְשְׁט דָאס דֶער רֶבִּי אוֹיס אַז דִי דְרֵיי פַּרְסָאוֹת זֶענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וָואס מְ'דַאוֶונְט יֶעדְן טָאג. וִוי לַאנְג אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן, אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר בְּלַייבְּן אִין דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר וֶועט דָארְט וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אוּן זִיכֶער וֶוען אִיד אִיז נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וָואס קֶען אִים אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"א), "דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס, צוּ אַלֶעס גוּטְס, צוּ תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה אוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוּן צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע וֶועלְטְן". אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע וֶועג דֶער יֵצֶר הָרַע זָאל זִיךְ נָאר וֶועלְן שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אִיז דֶער עִיקָּר עֵצָה נָאר תְּפִלָּה, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִים דֶערְצֵיילְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אִינְגַאנְצְן בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע.

נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טוּן בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, נִישְׁט אַלְץ קֶען עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בֵּיידֶע מַחֲנוֹת. אַמָאל כַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער צוּמָאל מַאכְט זִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִין דִי גִיסְטֶע פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דֶעמָאלְט לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער עִיקָּר אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט גוּטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, אוֹיב שְׁפִּירְט עֶר יֶעצְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען, אוּן אוֹיב הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אוֹיב הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי, טָאר עֶר אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, עֶר קֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן, עֶר קֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן עֶפֶּעס חֶסֶד, אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם, דֶער עִיקָּר אִיז עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן אַלְץ פְרֵיילִיךְ.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, "אִם יָבוֹא עֵשָׂו אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ", אוֹיב דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז דִיר

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְ'קוּמְט שׁוֹין חֲנוּכָּה

מִיר טְרֶעטְן שׁוֹין אָט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵייליכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

#### קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער

<<<<<<

## א גוטווארט

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ מוּסָר סְפָרִים, אָבֶּער עֶס אִיז דָא מוּסָר פוּן רֶבִּי'ן וָואס דָאס אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מוּסָר, דָאס אִיז מוּסָר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח') אַז נָאר אֵיינֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אוֹיף דֶעם וֶועג אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָרְ'ט דִי אִידְן - נָאר עֶר מֶעג גֶעבְּן מוּסָר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִיטִין ל"ו:) אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, אוּן גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן הָאבְן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל אוּן זֵיי הָאבְן עוֹבֵר גֶעוֶועזְן אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן זָאגְן מוּסָר; אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאגְט מוּסָר אוּן מֶען צֶעקְלַאפְּט יֶענֶעם - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל דִי מוּסָר הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער. זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז דֶער וָואס קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, בִּשְׁעַת עֶר מוּסָרְ'ט בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ הָאפֶענוּנְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר דֶער מֶעג זָאגְן מוּסָר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשי"פ)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## עֶטְלִיכֶע וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מַזָּל טוֹב פַּאר דַיין שִׁידוּךְ! אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין (חַגַּי ב, ט): "גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן, מִן הָרִאשׁוֹן", מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ זָאלְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דוּ ווִילְסְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זַיין דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ אָבֶּער דוּ וואוֹינְסְט וַוייט, דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אַז דוּ וֶועסְט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו - וֶועסְטוּ ווִיסְן פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ. וָואס מֵיינְסְטוּ, דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זִיצְן אִין יְשִׁיבָה - זֵיי בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס מֶער? זֵיי זִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן נֶעמֶען דָארְט שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דִי וָואס וואוֹינֶען וַוייט.

הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְן דִי בְּרִיוו, וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. אוּן אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס צוּ פְרֶעגְן - שְׁרַייבּ אַ בְּרִיוו, וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִיר עֶנְטְפֶערְן.

אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת אִין לֶעבְּן: דָאס עֶרְשְׁטֶע - רֶעד נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע רֵייד, דֶערְצֵייל אִיר נִישְׁט דַיינֶע כִּשְׁלוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל אִיר נִישְׁט דַיין עָבַר, בִּפְרַט אַז דוּ הַאלְסְט שׁוֹין בַּיי דִי צְוֵוייטֶע מָאל חֲתוּנָה הָאבְּן - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט צוּפִיל רֶעדְן פוּן דַיין עָבַר.

צְוֵוייטְנְס, רֶעד נִישְׁט קֶעגְן אִיר מִשְׁפָּחָה; אֲפִילוּ זִי וֶועט רֶעדְן צוּ דִיר קֶעגְן זֵיי זָאלְסְטוּ אִיר נָאר אוֹיסְהֶערְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

דְרִיטְנְס, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְהֶערְן אִיר וֵוייטָאג, אֲפִילוּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן וַוייזְן מִיטְלַייד.

פֶערְטְנְס, זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אִין כּוֹלֵל, דוּ לֶערְנְסְט סַיי ווִי אַ גַאנְצְן טָאג - זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, דָאס בּוֹיט אוֹיף דֶעם מַאן אִין דִי פְרוֹי'ס אוֹיגְן, אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ זֶען אִיר מַאן לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"א)

>>>>>

בַּייגֶעקוּמֶען בַּיי אֵיין מַחֲנֶה, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִיר גֶעשְׁמַאק פוּן לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶוענֶען, "וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה", זָאל דֶער מֶענְטְשׁ גְלַייךְ לוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע מַחֲנֶה, וַוייל אַלֶעמָאל אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין דֶערְמִיט, אוּן דָאס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה מ"ב, סִימָן ג') "אֵין 'וְהָיָה' אֶלָּא לָשׁוֹן שִׂמְחָה", דָאס וָוארְט וְהָיָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה, דָאס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעזָאגְט "'וְהָיָה' הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה", אִין וָואסֶערֶע מַצָּב אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט סַיי וֶועלְכֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת עֶר הָאט נָאר. וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז יֶעצְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א ט"ז, כ"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלְץ פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) אַז דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. וֶוען אַ אִיד הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט), "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפּ פוּן עֲבֵירוֹת".

לָאמִיר נֶעמֶען דִי עֵצוֹת וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מְ'הָאט, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ לְפַרְשַׁת וַיִּשְׁלַח)

אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז ב"ה גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִּין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" זִי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִּיק גָּמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִּיק גָּמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶּער אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים ווִי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָּל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶּער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֵוייניגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### הַאק נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ', מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט מַאכְן ח"ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אִידְן.

שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

### וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ

<<<<<<

>>>>>>
זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַּארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְן, אָבֶער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַּארְשְׁלָאפְן.

וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען פִּילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקַייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן?

אָבֶער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵּז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקַייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַּארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש עֵרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק קוּמְט אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין זְלַאטִיפָּאלֶע, אוּן פַּאלְט חַלָּשׁוּת.**

**שנו**

אִין יֶענֶע צַייט, אֵיידֶער רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק אִיז דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט גָאר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם.

אִין זַיין חָלוֹם הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶען אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶער וַואלְד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס צוּ קֶענֶען אַהֵיים גֵיין. פְּלוּצְלִינְג בַּאגֶעגְנְט עֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד, שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶענֶעם, יֶענֶער הָאט אָבֶער גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, קוּם מִיט מִיר". עֶר אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען מִיט יֶענֶעם, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶער הוֹיז אִין וַואלְד, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, "גֵיי אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז, דָארְט גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע סָארְט שְׁוֶוערְדְן, גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע, אוּן דוּ הָאסְט אוֹיךְ רְשׁוּת צוּ נֶעמֶען וֶועלְכֶע שְׁוֶוערְד דוּ וִוילְסְט, דוּ דַארְפְסְט אָבֶער וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד, אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַמְמֻצָּע, אוֹיף אַ מִיטְלְמֶעסִיגְן אוֹפָן".

עֶר אִיז אַרַיין אִין הוֹיז, אוּן דָארְט אִיז גֶעזֶעסְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען פוּן דָא קַיין אֵיין שְׁוֶוערְד, אֵיידֶער דוּ שְׁפִּירְסְט בַּיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט
<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַּארְוָואס גֶעבְּט מִיר נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קַיין פַּרְנָסָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ אַרְבֶּעט עֶלְף שָׁעָה אַ טָאג פַאר פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת בִּשְׁעַת מַיין אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ לֶערְן זִיךְ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אִין לֶעבְּן פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, אוּן הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אִין פִילֶע הִינְזִיכְטְן.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, אוּן אִיךְ זֶע טַאקֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל מָאל, אָבֶער בַּיי אֵיין זַאךְ שְׁפִּיר אִיךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט, דָאס אִיז בַּיי פַּרְנָסָה. אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיךְ וֵויין אוּן אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע וּבְנָקֵל, אָבֶער אִיךְ זֶע נִישְׁט גָארְנִישְׁט עֶס זָאל מִיר עֶפֶּעס בֶּעסֶער וֶוערְן. אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער וָואס סְ'אִיז גוּט פַאר מִיר, אָבֶער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעסֶער מַאכְן מַיין מַצָּב, נָאכְדֶעם וָואס סְ'אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַכְט יָאר אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם יְשׁוּעָה?

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אִיר זָאלְט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ אַז אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַכְט יָאר אוּן דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה; וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן עֶסְן דִי אַכְט יָאר? וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן קְלֵיידֶער - פַאר דִיר, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - דִי אַכְט יָאר? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): "לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט וָואסְפַאַרַא נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אִים יֶעדְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'עֶס קוּמְט אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט וְכוּ', מִיר וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס' אוּן עֶר כַּאפְּט נִישְׁט אַז יֶעדֶע רֶגַע וָואס עֶר לֶעבְּט אִיז מִיט נִיסִים.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כד, א): "בּוֹא וּרְאֵה כַּמָּה נִסִּים עוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִם הָאָדָם וְהוּא אֵינוֹ יוֹדֵעַ", טְרַאכְט אַרַיין וָואסְפַאַרַא נִסִּים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר אוּנְז אוּן מֶען כַּאפְּט דָאס נִיטְאַמָאל, "שֶׁאִלּוּלֵי הָיָה אוֹכֵל פַּת כְּשֶׁהִיא חַיָּה הָיְתָה יוֹרֶדֶת בְּתוֹךְ מֵעָיו וּמְשָׂרֶטֶת אוֹתוֹ", וֶוען מֶען עֶסְט וֶוען טְרִיקֶענֶע בְּרוֹיט וָואלְט דָאס צֶעקְרַאצְט דֶעם מָאגְן אוּן מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן, "אֶלָּא בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בְּתוֹךְ גַּרְגַּרְתּוֹ שֶׁהוּא מוֹרִיד אֶת הַפַּת בְּשָׁלוֹם", וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אִינֶעם הַאלְז אַזוֹי וִוי אַ קְוַואל מִיט וַואסֶער - דִי שְׁפֵּייעֶכְץ - אַז דִי עֶסְן זָאל נִישְׁט צֶעקְרַאצְן אוּן דֶערְוֶוערְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ נֵס, אַז דִי עֶסְן קֶען אַרָאפּ גֵיין בְּשָׁלוֹם אִינֶעם הַאלְז וְכוּ', מֶען טְרַאכְט נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן שְׁפֵּייעֶכְץ, אוּן דָאס אִיז בְּלוֹיז אֵיינֶע פוּן דִי טוֹיזֶענְטֶער נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר אוּנְז.

קוּק אוֹיף צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען וִוי דַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען; אַכְט יָאר וָואס דוּ לֶעבְּסְט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער, פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס? אַלֶעס קוּמְט דָאךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, אָבֶער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשׁ עֶר: "וְרָאִיתָ - אֶת אֲחֹרָי" - קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואסְפַאַרַא חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר, וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶער "וּפָנַי - לֹא יֵרָאוּ" - וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה? דָאס וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָארְאוֹיס, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן.

דוּ בֶּעטְסְט אַן עֵצָה פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח; נֶעם דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶע'חַזְרְ'ט מִיט אוּנְז, מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דַוְקָא אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת אִיז נָאר בִּזְכוּת וָואס עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן פוּן אוֹיסְנְוֵוייניג, עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,**
**קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**



>>>>>>

פוּלְשְׁטֶענְדִיג רֵיין אִין דַיין גַאנְצְן קֶערְפֶּער אוּן אִין דַיין בְּרִית. אוּן דוּ דַארְפְסְט וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אִין הַאנְט דֶעם שְׁוֶועְרְד וָואס דוּ וֶועסְט נֶעמֶען פוּן דָא".

אִינְצְווִישְׁן אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק אַרוּמְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט זֵייעֶר טוּנְקֶעלֶע וָואלְקֶענֶעס, אוּן דַאן הָאט דֶער אַלְטֶער מֶענְטְשׁ אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גְרֵייט צוּ נֶעמֶען פוּן דָא אַ שְׁוֶועְרְד, צוּלִיב דִי וָואלְקֶענֶעס וָואס נֶעמֶען דִיר אַרוּם. אוֹיב אָבֶער קֶענְסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אִינְמִיטְן דִי וַואלְד, אִיז דָא דָארְט אַ הֶערְלִיכֶע גֶעבֵּיידֶע, אוּן דָארְט אִיז דָא אַ מֵייסְטֶער וָואס שַׁארְפְט אוֹיס שְׁוֶועְרְדְן. אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועמֶען דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגַארְטְלְט מִיט אַ שְׁוֶועְרְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט גוּט ווִי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶועְרְד אִין הַאנְט, עֶר דַארְף אוֹיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן זַיין שְׁוֶועְרְד בַּיי יֶענֶעם מֵייסְטֶער. וֶוער וֵוייסְט אָבֶער אוֹיב דֶער מֵייסְטֶער וֶועט דִיר עֶפֶענֶען זַיין טִיר אַז דוּ זָאלְסְט בִּכְלַל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים".

דַאן הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ עֶרְוֶועקְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, זַיין הַארְץ הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלַאפְּט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

פוּן גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ וָואגְן, הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּפִיס. סְ'הָאט אִים גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אָנְצוּקוּמֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע. וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער רֶבִּי וואוֹינְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וָואס הָאסְטוּ מִיט אִים? סְ'אִיז דָאךְ דָא אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטָאט אוֹיף אִים!". דַאן הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אַלְטְן מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיב דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים", הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם הוֹיז פוּן רֶבִּי"ן. אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אִיז עֶר בַּאלְד גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי"ן, אוּן פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אִיז עֶר גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, ווִי אוֹיבְן דֶערְצֵיילְט.

**שנז**

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן נָאךְ אַסַאךְ פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב'), אוּן דָארְט אִיז מְרוּמָז דֶער חָלוֹם פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אַז דֶער רֶבִּי וֵוייסְט אַלֶעס.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ זֵייעֶר גֶענוּמֶען צוּ דִי עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ רוֹב טָאג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דָבוּק אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

**שנח**

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צְווִישְׁן עֶרְשְׁטְן אוּן צְוֵוייטְן טָאג, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פַאר דִי תַּלְמִידִים דִי פָאלְגֶנְדֶע מַעֲשֶׂה.

אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִים צוּ בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים.

דֶער שָׁלִיחַ אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק אוּן עֶר בֶּעט עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעפָארְן מִיט דֶעם שָׁלִיחַ.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, "אִיךְ הָאב אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, וֶועט עֶר זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט. אוּן דֶער קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, זֶעט אוֹיס ווִי עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג גֶעטוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אַלְט, פַארְוָואס וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט?".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר
"פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# קהלות "היכל הקודש" ברסלב טעלעפאן בוך

אין די יעצטיגע טעג גרייט מען זיך ארויסצוקומען מיט'ן ברסלב'ן טעלעפאן בוך, אין וואס ער וועט זיך געפונען די ליסטע פון אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט, מיט זייערע טעלעפאן נומערן און אדרעסן, און אזוי ווייטער, און גלייכצייטיג די ביזנעסער פון אנשי שלומינו, וואס דאס וועט פיל פארגרינגערן פאר אנשי שלומינו זיך צו האלטן אינאיינעם באחדות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצ"ב) "העולם ראוי שיתמהו עצמן על אהבה שבינינו", די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס איז דא צווישן ברסלב'ע חסידים. און דאס קען מען גאר שטארק זען ביי תלמידי היכל הקודש, וואס האלטן זיך אזוי שיין צוזאמען מיט א געוואלדיגע אחדות, מיר אלע שעפן פונעם זעלבן לויטערן ריינעם קוואל, פון די עצות און חיזוק וואס דער רבי האט אונז געגעבן, לויט ווי דער ראש ישיבה שליט"א געבט אונז איבער וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

מיט'ן נייעם טעלעפאן בוך "היכל הקודש" וועלן אנשי שלומינו זיך קענען האלטן פארבינדען איבער די גאנצע וועלט. ווי אויך וועט מען גרינגער קענען שטיצן איינער דעם צווייטן, צו נוצן די סערוויסעס און ביזנעסער פון אנשי שלומינו.

מאכט זיכער אז אייער נאמען און ביזנעס פאלט נישט ארויס פונעם טעלעפאן בוך. איר קענט טעקסטן אייער אינפארמאציע צו 347-455-8028, אדער שיקט אן אימעיל צו BreslevPhoneBook@gmail.com.

**איש את רעהו יעזורו!**

***

# דער ניגון "עלעקשאנס" האט שטארקע אפקלאנג

שטייענדיג נאך א לענגערע תקופה וואס אמעריקע האט זיך געקאכט איבער די וואלן, צי טראמפ זאל זיין דער פרעזידענט אדער ביידען, וואו מ'איז געגאנגען און געשטאנען האט מען געהערט היימישע אידן זיך קאכן אין פאליטיק, טייל האבן געהאלטן מיט איין קאנדידאט, אז נאר ער איז גוט צו אידן און צווייטער וועט זיין ממש א קאטאסטראפע פאר אמעריקע בכלל און פאר אידן בפרט, און אנדערע האבן גע'טענה'ט פונקט קאפויער.

אין לויף פון די צייט האט דער ראש ישיבה שליט"א כסדר מעורר געווען אז מיר דארפן גיין נאר צום אייבערשטן, נאר ער קען אונז העלפן, קיינער פון די קאנדידאטן קען נישט גוטס טון אדער שלעכטס טון פאר סיי וועמען, לב מלכים ושרים ביד ה', מיר דארפן אויסקלויבן נאר דעם אייבערשטן אז ער זאל אונז אפהיטן פון אלעם שלעכטס און אונז געבן אלעס גוטס.

ביי די שיעורים האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך געזינגען א ניגון איבער די וואלן, ארויסצוברענגען דעם געדאנק אז קיינער פון די קאנדידאטן וועט נישט זיין אונזער ישועה, נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן.

יעצט האט מען שיין ארויסגעזינגען דעם ניגון אויף א פראפעסיאנאלע פארנעם, און אידישע קינדער זענען זיך מחי' דערמיט, צו חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל די הייליגע אמונה, נאר דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט מיט א געוואלדיגע השגחה פרטית, און נאר צו אים קענען מיר זיך ווענדן אלעמאל. ווי מער מ'חזר'ט די אמונה, אלץ מער א גליקליכערע און פרייליכערע לעבן האט מען.

מ'קען הערן דעם ניגון אויפ'ן טעלעפאן "קול ברסלב", ביים דרוקן 1 פאר אידיש, 5 פאר היכל נגינה, 5 פאר איינצעלנע ניגונים, און דערנאך 4 פאר'ן עלעקשאן ניגון. [זעט אלע לאקאלע נומערן פון "קול ברסלב" ביים סוף פונעם גליון].

פאלגנד זענען די ווערטער פונעם ניגון: אוי די נייעס ווארפט א שרעק, צו די וועלט עס קומט אן עק, אמעריקע גייט ווערן אויסגעמעקט. **דער באשעפער פירט די וועלט, און ער טוט וואס אים געפעלט, אלעס אנדערש איז דאך נארישקייטן. אונז האמיר א גרויסער גאט, וואס די וועלט באשאפן האט, נאר אמונה טוט דעם איד באגלייטן.** ביידן איז צו אלט, טראמפ איז צו קאלט, אוי געוואלד, אמעריקע צופאלט. לינקע דעמאקראטן, רעכטע רויטע שטאַטן, גייען זיך שיסן ביי די זייטן. **דער באשעפער פירט די וועלט וכו'.** הערן נייעס העלפט גארנישט, עס מאכט נאר דעם מענטש צומישט, יעדער ווייסט אז זיי פארקויפן גארנישט. **דער באשעפער פירט די וועלט וכו'.** רעד נישט נארישקייטן, לאז דיך אפ פון ביידן, זע צו לעבן רואיג און באשיידן. פאליטיק איז א קרענק, ס'איז נישט גוט פאר ענק, נוצן האט עס קיינעם נישט געברענגט. **דער באשעפער פירט די וועלט וכו'.**

**והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים!**

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסי יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **ברוך לאזאראוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין אינגל זאבי נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יודל ווערצבערגער** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין אינגל שמואל נ"י למזל טוב

# א לייטער צום הימל

**"איך בין שוין טיף אין דער ערד, פון מיר וועט שוין גארנישט ווערן". זאג נישט אזוי, ס'דא א וועג אויך פאר דיר מצליח צו זיין.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 44**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**